

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת בראשית

# דאס פנים פון א מענטש

פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים

כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון אייער טאטע

## פרשת בראשית

# דאס פנים פון א מענטש

"אהה-אטש!" האט דוד אויסגעשריגן אין יסורים, בשעת ער האט זיך אויסגעגליטשט, פלאך אויף דער ערד! "אוי, וואס איז גליטשיג דא? אה, די וואסער וואס דער רוימער האט איבערגעלאזט אויף דער ערד אין האל, יעצט פארשטיי איך שוין א-ל-ע-ס!" דוד האט געלאנדעט אויפן רוקן מיט א זעץ, און איז געבליבן ליגן פלאך פאר עטליכע סעקונדעס, באמערקנדיג צום ערשטע מאל אז דער דאך איז געקאלעכט בעיזש. אבער ער האט זיך שנעל אריענטירט און זיך אויפגעהויבן, אנטרעפנדיג זיך מיט אלעזר און יהודה, וועלכע האבן אלעס מיטגעהאלטן.

"איך פארשטיי נישט, פארוואס איז דער רוימער אזא שלימזל, פארוואס לאזט ער נאס די באלאטעס אן צו ווארענען אז מען זאל אכטונג געבן ווי מען גייט?!" האט דוד געשושקעט צו די חברים, "און ער ווייסט אז מיר קומען יעצט ארויף פון מיטאג! פארוואס קען ער נישט ארויסלייגן א ווארענונג'ס טאוול? ס'קומט אים נישט קיין פעני געהאלט, ס'איז א שאד אויף די הנהלה'ס געלט!"

טראץ דעם וואס דוד האט גערעדט שטיל האט פיני, דער רוימער, אלעס געהערט און גוט פארשטאנען, אז זיין בלוט איז אים ארויפגעקומען אין קאפ פאר בושה. דוד האט זיך גלייך געכאפט אז זיין צינג איז אביסל צי לויז געווען, און האט זיך געוואלט אנטשולדיגן פארן רוימער, אבער רבי הערצאג, דער מנהל פון תלמיד תורה, האט אנגעכאפט דוד און אים אריינגעפירט צו זיך אפיס, פרעגנדיג אויב אלעס מיט אים איז אין ארדענונג. "אממ... יא, נאר איך בין אינגאנצן נאס, אבער ברוך השם פאר דעם, איך וואלט מיך געקענט צעברעכן די ביינער, אלעס צוליב דער רוימער!"

"נו נו, פארדעם האב איך דיר דא אריינגערופן צו מיר אין אפיס, ווייל כ'וויל מיט דיר שמועס'ן. איך האב מיטלייד מיט דיר אויף דעם וואס ס'האט פאסירט דא, אבער איך מיין אז יעצט, ווען דו האסט זיך אויסגעגליטשט, איז א שעת הכושר זיך ארויסצולערנען א לימוד. און דאס איז אז דער רוימער, וואס רייניגט די באלאטעס דא, איז נישט סתם א רוימער. ער איז א מענטש! זיין נאמען איז פיני בן עמרם."

"וואס מיינט דער מנהל צו זאגן, אז ער איז א מענטש? נישט אלע רוימערס זענען מענטשן?"

"יא!" האט רבי הערצאג באשטעטיגט, "דאס איז פונקט פון וואס איך האב געוואלט רעדן מיט דיר דא היינט - וואס דאס מיינט א 'מענטש'."

רבי הערצאג האט גענפנט א חומש בראשית, וואס איז געלעגן אויפן טיש און זיך געווענדן צו דוד. "איך וועל דיר דא אויפליינען א מערקווירדיגע פסוק אין די וואכעדיגע

סדרה, און דערנאך וועלן מיר צוזאמען אריינקלערן וואס מען קען זיך ארויסלערנען פון דעם פסוק. הער זיך גוט צו צו די הייליגע ווערטער פון חומש: ׳און השי״ת האט באשאפן אדם מיט זיין געשטאלט, מיטן צלם אלוקים׳. דער באשעפער וויל אונז דא לאזן וויסן, אז ווען ער האט באשאפן דעם מענטש, האט ער אים נישט אויסגעפארעמט ווי ער האט געטון מיט די עלעפאנטן, קענגערוס, און אנדערע חיות. ער האט געמאכט אדם ווי, כביכול, א שפיגל פון אים!״

״אבער איך פארשטיי נישט,״ האט דוד זיך אנגערופן, ״דאס איז שווער צו באגרייפן! קיינער ווייסט דאך נישט ווי אזוי דער אויבערשטער קוקט אויס, אבער איך בין זיכער אז ער זעט נישט אויס ווי מיר, איך האב ברייטע אויערן און פינטלעך אויפן פנים.״

״ריכטיג!״ האט רבי הערצאג באשטעטיגט, ״דערפאר פלאגן זיך די מפרשים צו פארשטיין דעם פשט פון פסוק. ווייל דער פסוק זאגט אונז נישט, כביכול, אז דער אויבערשטער האט אויגן און א מויל - דאס איז קלאר אז נישט! דעריבער, וואס איז פשט, אז א מענטש איז באשאפן געווארן מיט דאס געשטאלט פון השי״ת?״

״איך ווייס נישט,״ איז דוד מודה. ״אפשר איז עס עפעס א קבלה זאך וואס מיר פארשטייען נישט.״

״ריכטיג דוד, איך בין זיכער אז אין דעם פסוק ליגט גרויסע סודות התורה, וואס נאר גרויסע צדיקים פארשטייען פשט, אבער הגה״צ רבי אביגדור מיללער ז״ל האט אונז געלערנט אז יעדע פסוק אין דער תורה איז געשריבן געווארן אויף אן אופן וואס יעדע איד זאל פארשטיין אויף א פשוט׳ע דרגה. ער ברענגט אז מען קען פארשטיין די סודות פון געוויסע זאכן אויף



דער וועלט, ווי דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן פארשטיין, דורך לערנען דעם פשוט'ן פשט פון די פסוקים."

"דעמאלס, וואס איז דער פשוט'ער פשט פון דעם פסוק?" איז שוין דוד נייגעריג צו וויסן.

"זיכער, האט רבי הערצאג געשאנקן א שמייכל, "פארדעם האב איך דיר דאך ארייגערופן אין מיין אפיס. און דו וועסט זיין איבערראשט צו הערן, אז דער פסוק רעדט זיך טאקע פון פיני! דער פסוק זאגט אונז אז השי"ת האט באשאפן פיני מיט זיין געשטאלט."

"וואס?! פיני? דער רוימער, פיני?! דער אויבערשטער קוקט נישט אויס ווי אייך אדער מיר, אבער ווי פיני?!

"ניין דוד, בארואיג זיך. דער פסוק רעדט נישט פון די דרויסנדיגע אויסזען, נאר אז יעדער איד האט עפעס, כביכול, פון אויבערשטנ'ס גרויסקייט אין זיך. ווען דער באשעפער האט באשאפן אדם, שטייט אז ער האט אריינגעבלאזן אין דער נאז. און דאס מיינט אז דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט א קליין ביסל גרויסקייט אין יעדע בשר ודם. דעריבער, יעדע מענטש וואס דו באגעגנסט, דארף מען זיך אומגיין מיט אים, מיט די גרעסטע מאס רעספעקט.

דער מענטש וואס רייניגט די באלאטעס איז נישט א 'רוימער'. און אז דו גייסט שוין אין דעם חדר פאר א חודש צייט און דו ווייסט נאכנישט זיין נאמען איז פשט אז דו האסט נאכנישט געלערנט דעם פסוק. ער הייסט פיני, ער איז אן עכטער מענטש מיט עכטע געפילן, וואס פארמאגט גרויסקייט אין זיך. און דו דארפסט אריינקלערן אין דעם יעדעס מאל ווען דו באגעגנסט פיני."

דוד איז ארויס פון רבי הערצאג'ס אפיס מיטן געוויסן אז ער האט נאך אסאך צו ארבעטן אויף זיך. וואס איז די גדולה פון לערנען טיפע פשט'לעך פון דער תורה, ווען מען ווייסט נישט ווי אזוי עס צו מקיים זיין?

דוד איז אריבערגעגאנגען אויפן פלאץ ווי פיני האט געהאלטן אינמיטן רייניגען און אים שיין באגריסט, "יישר כח פיני, דו האלסט אזוי שיין און ריין אונזער חדר. יעדער האט הנאה פון דיר!"

פיני האט צוריק געפאכעט מיט זיינע הענט...

און דוד איז אוועק געגאנגען וויסנדיג אז פון היינט מאל אן וועט ער שוין וויסן צו רעדן צו יעדן מיט א שמייכל און רעספעקט - אזוי ווי עס פאסט צו רעדן צו א מענטש, וואס איז באשאפן געווארן מיט א צלם אלוקים פון השי"ת.



**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**